# קום צוריק

טַאנְץ מיט אֶמוּנָה



נום. 3 געזונגען דורך הרה"ג רבי יואל ראטה שליט"א אינאיינעם מיט די בחורים

1

# בעטן און בעטן

יעדער מענטש קען זוכה זיין,
צו שיינע זאכן,
נישט קיין חילוק
ווער דו זאלסט נאר זיין,
קענסטו עס נאך מאכן.

פזמון:

בעט דעם באשעפער,
וועט ער דיר געבן,
דער עיקר איז נישט אויפגעבן,
בעטן און בעטן און נאכאמאל בעטן,
פון באשעפער נישט אפטרעטן.

אויב דו האסט
מיט דיין זון א פראבלעם,
ער גייט ליידיג און פוסט,
עפעס איז מיט דיין טאכטער געשען,
וויפיל מ'רעדט איז אומזיסט.

בעט דעם באשעפער...

אויב די ביזנעס גייט זייער שווער,
מ'קויפט נאר ביי יענעם,
די חובות וואקסן מער און מער,
ממש א גהינום.

בעט דעם באשעפער...

אויב דו ווילסט א פרייליכע שטוב,
א געשמאקע הויז,
מ'זאל שפירן אז מ'האט זיך ליב,
אז מ'קומט זיך אויס.

בעט דעם באשעפער...

אויב דו ווילסט עבירות נישט טון,
ערליך ווילסטו זיין,
און דו לאכסט זיך אליין אויס דערפון,
ס'וועט ממילא נישט גיין.

בעט דעם באשעפער...



# א שיינע שטוב

פזמון:
באשעפער העלף
אונז לעבן בשלום,
ווי טויבעלעך
אין א זיסע חלום,
א שיינע שטוב
מ'האט זיך ליב,
מ'רעדט נאר שיין,
די לופט איז ריין,
א רואיגקייט,
א ווארימקייט,
אזוי פרייליך,
אזוי הערליך.

טאטע געב מיר מדות,
איך זאל האבן סבלנות,
די שענסטע זאך אין
לעבן,
קענען יענעם נאכגעבן.
נישט וועלן זיין גערעכט,
נישט רעדן מיט א שטעך,
טאטע געב מיר שכל,
צו פארגינען א שמייכל.

פזמון:
נאר זען דאס
גוטס ביי מיר,
נישט קוקן
אויף יענעמ'ס טיר,
וויל קיינער האט נישט
אלעס,
לאמיר זען
מיינע מעלות.
נישט קוקן
אויף די שכנים,
נישט מקנא זיין קיינעם,
ס'איז אלעס
נאר דמיונות,
יעדער האט
זיינע נסיונות.

פזמון:
מיין לעבן איז פארלאשן,
באארינג און
אויסגעלאשן,
איך האב נישט ליב מיין
הויז,
איך וויל נאר גיין ארויס.
איך לעב אין א טעם,
אבי יוצא צו זיין,
אלעס איז מהיכי תיתי,
אן קיין אינטערעסע.
פזמון:

איך פיל אזוי שלעכט,
אז מ'קריגט זיך טעג און
נעכט,
אונז ביידע האלטן עכט,
נאר איך בין גערעכט.
געב מיר כח טאטע,
איך זאל זיין א מוותר,
זיך פירן אין שטוב
מיט שיינעם,
פארברענגען אינאיינעם.

פזמון:
איך ווייס ס'קען נאך זיין,
אונזער לעבן זאל ווערן
שיין,
אז איך וועל אוועקלייגן
מיין גאווה,
און לעבן מיט אהבה.
נאר רעדן שיינע זאכן,
און זיך פרייליך מאכן,
אזוי ווי די ערליכע אידן,
וואס לעבן רואיג און
צופרידן.

פזמון:



# קום צוריק

וואס דארף טון א מענטש,
וואס האט אזויפיל מאל געזינדיגט,
יעדער זאגט דו ביסט דערנאך,
דו ביסט שוין לאנג פארטיג,
אבער ווען מ'קומט צום רבי'ן,
הערט מען נייע זאכן,
ער הייבט דיך אויף,
און קען דיך פרייליך מאכן.

אויב דו זעסט זיך פוסט און ליידיג,
דו פילסט זיך אזוי שולדיג,
אויב דו האלסט אז דיין נשמה,
קען שוין נישט צוריק,
אבער ווען מ'קומט...

פזמון: קום צוריק,
דו קענסט נאך זיין א צדיק,
דיין נשמה קומט פון אויבן
ס'איז דאך אזוי הייליג,
קוק נישט צוריק אויף נעכטן,
באלד וועסטו עס פאררעכטן,
א מצוה כאפ אריין,
א צדיק וועסטו זיין.

אויב דו האסט א גילטי קאנטשעס,
געטון עבירות פיל,
דיין נשמה איז צעבראכן,
א לעבן אן קיין ציל,
אבער ווען מ'קומט...

אויב דו זעסט אין ספרים
אז דו האסט נישט קיין תקנה,
דו פאלסט אריין
אין יאוש ממש א סכנה,
אבער ווען מ'קומט...

פזמון:

אויב מ'זאגט דיר דו ביסט שולדיג,
דו ווילסט נאר זיין שלעכט,
אויב מ'זאגט דיר אלעמאל,
דו ווילסט נישט זיין וואויל עכט,
אבער ווען מ'קומט...

מ'זאגט ס'איז גארנישט ווערד, הער
אויף לערנען תורה,
ס'גייט צום סטרא אחרא,
נישט צום הייליגן בורא.
אבער ווען מ'קומט...

פזמון:



פזמון:

אין יבנאל,
ליגט א צדיק,
מוהרא"ש'ס ציון,
אזוי הייליג.

ווער ס'קומט דארט אהין,
זעט וואס מוהרא"ש
האט געטון,
מחזק געווען נשמות,
געמאכט בעלי תשובות,
נאר פאר יענעם אייביג
געטון,
גארנישט געהאט דערפון,
אזא לעכטיג אור,
פאר אונזער דור,
לאמיר פאר דעם זינגען,
טאנצן און שפרינגען.

פזמון:

א ווייכע הארץ,
א ליבשאפט צו יעדן איד,
נאר געזארגט פאר יענעם,
ס'זאל אים גיין גוט,
אזויפיל מענטשן געגעבן,
א ווילן צום לעבן,
אזא לעכטיג אור,
פאר אונזער דור,
לאמיר פאר דעם זינגען,
טאנצן און שפרינגען.

פזמון:

אזויפיל יאר
געבוייעט שטיבער,
שידוכים צאמגעשטעלט,
וויפיל שלום בית,
האט ער צוריק געשטעלט,
אויסגעלערנט
צו מוותר זיין,
וועט דיר גוט זיין,
אזא לעכטיג אור,
פאר אונזער דור,
לאמיר פאר דעם זינגען,
טאנצן און שפרינגען.

פזמון:

אזוי ווי ביים לעבן,
האט ער זיך אפגעגעבן,
פאר מיידלעך און בחורים,
טרעפן שידוכים,
אזוי אויך איז
יעצט ביים ציון,
ווער ס'זאגט תהלים,
טרעפט זיין זיווג,
דארט ביים צדיק,
לאמיר פאר דעם זינגען,
טאנצן און שפרינגען.

פזמון:

מוהרא"ש איז נישט
אוועק פון אונז,
זיין ארבעט איז
נישט אומזיסט,
פונקט ווי זיין טיר
איז אפן געווען,
קען מען עס היינט
אויך זען,
ווער ס'דארף א ישועה,
אן עצה, א רפואה,
פארט צו
דעם הייליג פלאץ,
גיס דיך אויס דיין הארץ,
וועט א נס געשען,
וואונדער וועסטו זען.
פזמון:



יבנאל

# בעט דעם באשעפער

פזמון:

בעט דעם באשעפער וואס דו דארפסט,
וועט ער דיר געבן,
זאג פאר'ן באשעפער,
באשעפער העלף מיר,
באשעפער העלף מיר...
בעט דעם באשעפער וואס דו דארפסט,
וועט ער דיר געבן.

אז דו דארפסט פרנסה,
גיי נישט צו קיינעם נאר צו אים,
אז דו דארפסט שידוך,
גיי נישט צו קיינעם נאר צו אים,
אז דו דארפסט שלום בית,
גיי נישט צו קיינעם נאר צו אים.

ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין,
אין שום מציאות מבלעדיך כלל,
ובכל תנועה ותנועה,
שם אלופו של עולם.

גיי נישט צו קיינעם,
צו קיינעם, צו קיינעם,
בעט דעם באשעפער וואס דו דארפסט,
וועט ער דיר געבן.

פזמון: בעט דעם באשעפער...

אז דו דארפסט א רפואה,
גיי נישט צו קיינעם נאר צו אים,
אז דו דארפסט א ישועה,
גיי נישט צו קיינעם נאר צו אים,
אז דו דארפסט נחת,
גיי נישט צו קיינעם נאר צו אים,
אויב דו האסט א צרה,
גיי נישט צו קיינעם נאר צו אים.

ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין,
אין שום מציאות מבלעדיך כלל,
ובכל תנועה ותנועה,
שם אלופו של עולם.

גיי נישט צו קיינעם,
צו קיינעם, צו קיינעם,
בעט דעם באשעפער וואס דו דארפסט,
וועט ער דיר געבן.

פזמון: בעט דעם באשעפער...



פזמון:

שבת איז דאך אזוי גוט,
און ווי גוט צו זיין א איד,
שבת איז מיין בעסטע צייט,
מיט די קינדער ביי די זייט,
אזוי לעכטיג אין שטוב,
אזוי רואיג.

באשעפער איך דאנק דיר
פאר אלעס גוטס,
אזוי גוט צו מיר דו ביסט,
דו טוסט מיר חסד אן א צאל,
דו באגלייטס מיר אלעמאל,
שבת איז מיין בעסטע צייט,
מיט די קינדער ביי די זייט,
אזוי לעכטיג אין שטוב,
אזוי רואיג.

פזמון:
שבת קודש
איך רייכער נישט,
אויף מיין פאון קוק איך נישט,
שבת קודש דרייוו איך נישט,
הערן די נייעס
אום שבת נישט,
קיין מלאכה טו איך נישט,
אפילו קיינער זעט מיר נישט,
שבת איז אזוי פרייליך און זיס.

פזמון:

אויב ס'ווערט הייס אין הויז,
די עירקאנדישאן לעשט זיך אויס,
כלאחר יד מ'זעט גארנישט,
חס ושלום א רוק די סוויטש,
קיין מלאכה טו איך נישט,
אפילו קיינער זעט מיר נישט,
שבת איז אזוי פרייליך און זיס.

פזמון:
די טשאלנט ווערט באלד פארברענט,
יעצט פאררעכטן נאך מ'קען,
אויב מ'געבט א קליינעם דריי,
קיינער זעט נישט סיי ווי סיי,
קיין מלאכה טו איך נישט,
אפילו קיינער זעט מיר נישט,
שבת איז אזוי פרייליך און זיס.

פזמון:
איך זינג און טאנץ מיט יעדן קינד,
דאס איז דאך פאר זיי געזונט,
איך געב יעדן א קאמפלימענט,
וואה, האסטו גוט געקענט,
שבת איז מיין בעסטע צייט,
מיט די קינדער ביי די זייט,
אזוי לעכטיג אין שטוב, אזוי רואיג.
פזמון:



# שבת איז גוט

פזמון:

דארפסט געדענקען און פארשטיין,
אלעס איז פון אייבערשטן אליין,
יעדע זאך פון גרויס ביז קליין,
דער באשעפער פירט אזוי שיין,
דער באשעפער פירט אזוי שיין.

יעדע זאך וואס יעדער טוט,
איז אויסגערעכנט גוט,
וואו צו גיין יעדע מינוט,
מיט א חשבון יעדע טריט,
מיט א חשבון יעדע טריט.

פזמון:

יעדע ווינט וואס געבט א בלאז,
יעדע בוים און יעדע גראז,
אלעס האט א טעם פארוואס,
ווייל פון הימל פירט מען דאס,
ווייל פון הימל פירט מען דאס.

פזמון:

יעדנ'ס ווייב און יעדנ'ס מאן,
ווען מ'מופט אין א דירה אריין,
גארנישט גארנישט געשעט סתם,
דער באשעפער מאכט דעם פלאן,
נאר דער באשעפער מאכט דעם פלאן.

פזמון:

יעדע פייגל יעדע בין,
יעדע פלוג און יעדע שפין,
אלע חיות אלע סארט,
ווערן געפירט פון הימל דארט,
ווערן געפירט פון הימל דארט,

פזמון:

אויב דו האסט נישט ליב דיין גזירה,
איז נאר דא איין ברירה,
בעטן און בעטן פון באשעפער,
מיט תפלה ווערט עס בעסער,
מיט תפלה ווערט עס בעסער.

פזמון:

# אלעס איז דער אייבערשטער



# דעם לעצטן טאג

ווען א מענטש
נעמט איין מינוט,
א חשבון מאכן
וואס וועט מיר
שפעטער בלייבן,
פון אלע זאכן,
אזויפיל געזארגט אומזיסט,
געווארפן צייט אין מיסט,
פאר די געלט געגעבן,
מיין גאנצע לעבן,
פון געלט נאר געטראכט,
בייטאג און ביינאכט,
געמיינט אז נאר אויף געלט,
שטייט די גאנצע וועלט.

פזמון:

'אין בית החיים
באלד וועל איך גיין,
מיין משפחה וועט מיר
לאזן דארט אליין,
נאקעט אויסגעטון,
קום איך דארט אהין,
אמאל געווען א העלד,
געהאט אסאך געלט,
געלעבט פאר די וועלט.
אבער יעצט אליין,
אין פעלד,
אן קיין געלט.

א נשמה קען נישט עסן,
נאר תורה ומצות,
דיין געלט ווערט
דארט פארגעסן,
נישטא קיין ביזנעס,
אין מלוין לאדם,
מה יתרון לאדם,
דיין געלט און דיין גאלד,
וועט דארט זיין פארפוילט,
א משנה כאפ אריין,
גמרא גורס זיין,
זע מעביר סדרה זיין,
דאס איז דיין.

פזמון:

וואס איז אין הימל טייער,
בוי אויף דיין אייגן קינד,
וועלן זיי וואקסן זייער,
קלוג און געזונט,
וואס בלייבט דען פון א איד,
קיין געלט
מ'נעמט נישט מיט,
די בעסטע ביזנעס איז,
קינדער וואויל און זיס,
שפיל מיט דיין קינד א געים,

וועסטו נחת זען,
יא, דא איז חשוב,
אפילו ס'זעט אויס פלעין.

פזמון:

וואס איז די בעסטע סחורה,
ווען מ'ליגט אליין,
רעדן צום בורא,
און בעטן שיין,
באשעפער געב מיר דאס,
באשעפער געב מיר יענץ,
באשעפער
איך גיי זיין וואויל,
געב מיר נאך א טשענס,
מיט'ן באשעפער שמועס,
וועט דיר זיין זיס,
רעד צו אים א יעדע זאך,
דאס מיינט רייך.

פזמון:



פזמון:
נאר ווי פריער א שידוך טון,
מיט די טעכטער מיט די זון,
שלעכטע זאכן וועלן זיי נישט טון.
לאז זיי שווין צום חופה גיין,
לאז זיי בויען שווין א היים,
וועלן זיי זיך פירן וואויל און פיין.

וואס איז די עצה פאר די קינדערלעך,
זיי זאלן בלייבן וואויל און ערליך,
וואס איז די עצה פאר אונזערע דורות,
ניצול ווערן פון עבירות.

פזמון:

פארוואס איז מיין בחור אזוי דעפרעסט,
ער פלעגט דאך אייביג זיין פון די בעסט,
וואס איז געשען, מיט מיין צדיק,
יעדן טאג פאלט ער צוריק.

פזמון:

מיין זון לייגט נישט תפלין שוין עטליכע
וואכן,
פארוואס איז ער אזוי צעבראכן,
גארנישט אין לעבן גייט אים אן,
ס'כאפט א ציטער ווען איך קוק אים אן.

פזמון:

וואס איז געשען מיט מיין טאכטער,
פארוואס איז זי אזוי ביטער,
מיין טייערע אוצר גייט מיר אונטער,
אויסגעלאשן און פינסטער.

פזמון:

וואס איז געשען צו מיין וואוילע מיידל,
זי פלעגט דאך זיין גוט און איידל,
פארוואס קען איך איר קיין ווארט נישט
זאגן,
אייביג טוט זי זיך באקלאגן.

פזמון:

# וואוילע קינדער



# ברסלב סענטער

www.breslevcenter.com

Google Play



# טאנץ מיט אמונה

חיזוק יומי | לענגערע שיעורים

**212.444.9191**

YTT Productions

צו באקומען די סידי רופט 718.384.1652#5